בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# סֵדֶר הַיְשִׁיבָה

דֶער קוּנְטְרֵס גֶעבְּט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַּאר אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, וְוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן זַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן וְוי עֶס דַארְף צוּ זַיין; דִי חֲשִׁיבוּת פוּן זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ דִי סְדָרִים פוּן יְשִׁיבָה; דִי וֶועג וְוי אַזוֹי אַיינְצוּקוֹיפְן אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶער נָאמֶען

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "סֵדֶר הַיְשִׁיבָה" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָ"א"ש זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - וויליאמסבורג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# סֵדֶר הַיְשִׁיבָה

## א

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וִויל מַצְלִיחַ זַיין אִין זַיין לֶעבְּן, צוּ זַיין אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת. זִיךְ צוּ קֶענֶען גוּט אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן זַיין בַּאלִיבְּט בַּיי יֶעדְן.

דֶער יְסוֹד פוּן הַצְלָחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט זַיין סֵדֶר הַיּוֹם. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ נָארְמַאלֶער סֵדֶר אִין טָאג, עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן אִין יֶעדֶע

צַייט, אוּן עֶר הִיט דִי סְדָרִים ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט מִיט דִי גַאנְצֶע "מַעֲרֶכֶת הַשָּׁמַיִם" - דִי זוּן, דִי לְבָנָה, אוּן אַלֶע שְׁטֶערְנְס אוּן פְּלַאנֶעטְן. אוּן עֶר הָאט דָאס אַלֶעס אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף גָאר אַ הֶערְלִיכֶע מְסוּדָר'דִיגֶע וֶועג, אוּן זֵיי גֵייעֶן טַאקֶע אָן אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם אוֹיף דֶעם שֵׁיינֶער סֵדֶר מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זֵיי. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוֹיב וֶועט עֶר פִירְן זַיין לֶעבְן אוֹיף אַ מְסוּדָר'דִיגֶע וֶועג, מִיט אַ שֵׁיינֶעם סֵדֶר, דַאן וֶועט עֶר קֶענֶען אָנְגֵיין אוּן מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף אַ הֶערְלִיכְן פַארְנֶעם.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַארְקֶערְט. אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, זַיין טָאג אִיז נִישְׁט קַיין טָאג, זַיין נַאכְט אִיז נִישְׁט קַיין נַאכְט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע

צַייט וֶוען עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן אוּן וֶוען שְׁטֵייט אוֹיף, דַאן קֶען עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ נִישְׁט הָאבְּן קַיין נָארְמַאלֶע סֵדֶר אוֹיף זַיין פַארְמִיטָאג אוּן נָאכְמִיטָאג, זַיין סֵדֶר אִיז אִינְגַאנְצְן צוּמִישְׁט; דָאס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער רֶעצֶעפְּט פַאר אַ דוּרְכְפַאל, אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אָבֶּער נָאךְ פִיל מֶער אִיז דָאס וִויכְטִיג פַאר אַ יוּנְגֶער בָּחוּר. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאךְ יוּנְג קֶען עֶר זִיךְ פִיל גְרִינְגֶער בֵּייגְן אֵיין וֶועג אָדֶער דִי אַנְדֶערֶע, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי אַיינְגֶעוואוֹינְט מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהַייטְן. אוּן דֶערִיבֶּער וֶוען אַ בָּחוּר נֶעמְט זִיךְ אִין דִי הַאנְט אַרַיין אוּן עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיס אַ שֵׁיינֶעם סֵדֶר אִין לֶעבְּן, דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין בְּלַייבְּן אַזוֹי מְסוּדָר פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

אויבּ אִין יְשִׁיבָה הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן דִי סְדָרִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן אִין יֶעדֶע צַייט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק צוּ דֶעם; דַאן וֶועט דָאס שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיי אִים אַזוֹי אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה. אוּן אֲפִילוּ נָאךְ שְׁפֶּעטֶער, וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, וֶועט עֶר אַלֶעמָאל הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַעַת, עֶר וֶועט הָאבְּן אַ מְסוּדָר׳דִיגֶע אוּן קְלָארֶע קָאפּ, עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען שֵׁיין מְסַדֵר זַיין צוּ הָאבְּן גֶענוּג צַייט צוּ אַרְבֶּעטְן אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַיין פַאמִילְיֶע, אוּן אֲפִילוּ צוּ רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן מִיט רוּאִיגְקֵייט, עֶר וֶועט קֶענֶען מְחַזֵק זַיין מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אֵייבִּיג טוֹישְׁן. אָבֶּער וִוי עֶלְטֶער מֶען וֶוערְט, אַלְץ שְׁוֶוערֶער אִיז צוּ טוֹישְׁן דִי

גֶעוואוֹינְהַייטְן. אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט יוּנְגֶערְהֵייט צוּ לֶעבְּן אָן קַיין סֵדֶר, אַלֶעס אִיז בַּיי אִים צוּפָארְן אוּן צוּפְלוֹיגְן אוּן נִישְׁט מְסוּדָר, וֶוערְט דָאס בַּיי אִים וִוי אַ נַאטוּר צוּ זַיין נִישְׁט מְסוּדָר׳דִיג; עֶס וֶועט אִים זַיין גָאר שְׁוֶוער דָאס צוּרִיק צוּ דְרֵייעֶן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, אוּן עֶר וֶועט לַיידְן פוּן דֶעם גָאר אַסַאךְ.

וֶוען אַ בָּחוּר לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, דַארְף עֶר וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז מִיט דֶעם וָואס עֶר וֶועט פָאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דֶעם מַגִּיד שִׁיעוּר אוּן מַשְׁגִּיחַ, וֶועט עֶר נָאר אַ טוֹבָה טוּן פַאר זִיךְ אַלֵיין. מִיט דֶעם וָואס עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן שְׁטְרֶענְג צוּ דִי זְמַנִּים אִין יְשִׁיבָה, צוּ דִי סֵדֶר הַיְשִׁיבָה, וֶועט דָאס אִים אַלֵיין הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן אַז עֶר זָאל וֶוערְן אַ מְסוּדָר׳דִיגֶער מֶענְטְשׁ אוּן קֶענֶען הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן. מִיטְ׳ן זַיין אַן אוֹיבֶּער-חָכָם אוּן זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן צוּ דִי סִדְרֵי הַיְשִׁיבָה, וֶועט דֶער בָּחוּר נָאר

זִיךְ אַלֵיין אָפְּטוּן, עֶר אַלֵיין וֶועט אַסַאךְ לַיידְן פוּן דֶעם שְׁפֶּעטֶער אִין לֶעבְּן.

אַ בָּחוּר וָואס הַאלְט מִיט דִי סִדְרֵי הַיְשִׁיבָה, וֶוערְט אַ בַּאלִיבְּטֶער מֶענְטְשׁ בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶענְטְשְׁן קוּקְן אִים אָן אַלְס אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער בַּאזֶעסֶענֶער מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט זִיךְ אַיינְקוֹיפְן מִיט דֶעם גָאר אַ גוּטֶער נָאמֶען, מִיט פִילֶע גוּטֶע חֲבֵרִים.

אוּן אֲפִילוּ בַּיי זִיךְ אַלֵיין וֶועט דֶער בָּחוּר וֶוערְן מֶער בַּאלִיבְּט. אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶער סֵדֶר, הָאט זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט לִיבּ, עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט דֶערְלַיידְן. עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צִיל אוּן סִיפּוּק אִין זַיין לֶעבְּן, עֶר וֵוייסְט אַלֵיין נִישְׁט וָואס עֶר וִויל.

מִיטְ׳ן הַאלְטְן אַ שֵׁיינֶעם סֵדֶר אִין יְשִׁיבָה וֶועט דֶער בָּחוּר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, סַיי מִיט דִי לִימוּדִים פוּן דִי יְשִׁיבָה, צוּ שְׁטַייגְן אִין תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן סַיי

וֶועט אִים נָאך בְּלַייבְּן גֶענוּג אוּן נָאך צַייט פַאר זִיך אַלֵיין זִיך מַשְׁלִים צוּ זַיין אוּן צוּ לֶערְנֶען אֵייגֶענֶע לִימוּדִים, אוֹיסֶער דִי לִימוּדִים פוּן יְשִׁיבָה.

## ב

## פַארְמִיטָאג סֵדֶר אִין יְשִׁיבָה

דִי פַארְמִיטָאג סֵדֶר אִין יְשִׁיבָה הוֹיבְּט זִיך גֶעוֶוענְלִיך אָן אַז דִי בָּחוּרִים קוּקְן זִיך פָאר דֶעם שִׁיעוּר, דִי גְמָרָא וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָדֶער מַגִיד שִׁיעוּר וֶועט שְׁפֶּעטֶער פָארְלֶערְנֶען.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָדֶער מַגִיד שִׁיעוּר וָואס לֶערְנְט פָאר דִי גְמָרָא, עֶר קֶען זֵייעֶר גוּט דִי סוּגְיָא, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם וָואס קֶען גוּט דִי סֻגְיוֹת הַשַׁ״ס מִיט דִי מְפוֹרְשִׁים, דִי רִאשׁוֹנִים אוּן אַחֲרוֹנִים, עֶר קֶען גוּט ד׳ חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּך, אוּן וֶוען עֶר לֶערְנְט פָאר אַן

עָמוּד גְמָרָא, טוּט עֶר דוּרְךְ דִי גְמָרָא מִיטְ'ן גַאנְצְן טִיפְקַייט, מִיט גְרוֹיס בְּקִיעוּת אוּן חֲרִיפוּת, עֶר שְׁמוּעֶסְט אוֹיס אַלֶע שִׁיטוֹת אוּן מְהַלְכִים פוּן דִי רִאשׁוֹנִים אוּן אַחֲרוֹנִים בִּיז צוּ הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

אַזַא שִׁיעוּר קֶען מֶען נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן אוּן פַארְשְׁטֵיין אוֹיב מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גוּט פָארְגֶעקוּקְט פוּן פְרִיעֶר. עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיפְצוּכַאפְּן דֶעם טִיפְן שִׁיעוּר, אָן צוּ הָאבְּן קוֹדֶם אַ גוּטְן בְּלִיק אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט אוֹיף דֶעם עָמוּד.

אוּן דָאס שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ בַּיי דֶעם. אוֹיב פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט דֶעם שִׁיעוּר, אוּן מֶען הַאלְט נִישְׁט מִיט וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָדֶער מַגִיד שִׁיעוּר לֶערְנְט פָאר, דַאן פַארְלִירְט מֶען דִי גַאנְצֶע חֵשֶׁק פוּן דִי גְמָרָא. אוּן מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט זִיצְן לֵיידִיג, הוֹיבְּט מֶען צוּ פַארְפִירְן אוּן צוּ שְׁטֶערְן אַנְדֶערֶע אוֹיךְ. אוּן וֶוער

רֶעדְט נָאךְ אוֹיב ס׳אִיז דָא נָאךְ אַ בָּחוּר וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט פָּארְגֶעקוּקְט, אוּן בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם וֶועלְן פַּארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקַייטְן אוּן שְׁטֶערְן דֶעם גַאנְצְן שִׁיעוּר.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועלְט נֶערְוֶועז פוּן דֶעם, עֶר וֶועלְט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי בָּחוּרִים, אוּן מִיט רֶעכְט. מֶען שְׁטֶערְט אִים דֶעם שִׁיעוּר אוּן עֶר זֶעט וִוי דִי בָּחוּרִים הַאלְטְן נִישְׁט מִיט אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט. בֵּיידֶע וֶוערְן נֶערְוֶועז, דֶער בָּחוּר הָאט נִישְׁט דִי גֶעדוּלְד צוּ זִיצְן אַ שָׁעָה צְוֵויי צוּ הֶערְן אַ שִׁיעוּר וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט, אוּן דֶער מַגִיד שִׁיעוּר קֶען נִישְׁט פָארְלֶערְנֶען וֶוען מֶען הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס.

אוֹיב אָבֶּער וֶועט דֶער בָּחוּר זִיךְ גוּט פָּארְקוּקְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ חַבֵר. אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, וֶועט עֶר פְרֶעגְן דֶעם מַגִיד שִׁיעוּר

אָדֶער דֶעם שׁוֹאֵל וּמֵשִׁיב. אֲפִילוּ עֶר וֶועט טַאקֶע נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע קְלֵיינֶע פְּרַט, וֶועט עֶר אָבֶּער בַּאקוּמֶען דֶעם בִּילְד פוּן דִי גְמָרָא, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין קֶענֶען גֶעהֶערִיג מִיטְהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר, עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין דֶעם עָמוּד גְמָרָא, עֶר וֶועט וֶועלְן וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין נָאךְ בֶּעסֶער. בַּיים שִׁיעוּר וֶועט עֶר הַנָאָה הָאבְּן אוּן וֶועלְן זִיךְ צוּהֶערְן צוּם מַגִיד שִׁיעוּר, אוּן עֶס וֶועט אִים נָאךְ נִתְחַדֵשׁ וֶוערְן שֵׁיינֶע חִידוּשִׁים אִין דִי גְמָרָא.

נָאכְ'ן זִיךְ גוּט פָארְקוּקְן אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא, צִי אַלֵיין צִי מִיט אַ חַבֶר, בַּאקוּמְט מֶען אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִי גְמָרָא, עֶס הוֹיבְּט אָן שְׁוֶוער וֶוערְן קֻשְׁיוֹת, עֶס וֶוערְט אִים נִתְחַדֵשׁ חִידוּשִׁים, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (חֲגִיגָה ג.) "אֵין בֵּית הַמִדְרָשׁ בְּלֹא חִידוּשׁ", אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶר וֶועט אַרַיינְגֵיין צוּם שִׁיעוּר, וֶועט אִים אוֹיפְשַׁיינֶען דִי אוֹיגְן

אִין דִי גְמָרָא, עֶר וֶועט קְלָאר וֶוערְן אִין דִי אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט, אוּן עֶר וֶועט גֶעוואוֹיר וֶוערְן פְרִישֶׁע זַאכְן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט בִּיז יֶעצְט. דִי גְמָרָא זָאגְט (תַּעֲנִית ז.) "הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי, וּמֵחֲבֵרַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי, וּמִתַּלְמִידַי יוֹתֵר מִכֻּלָּם", וֶוען מֶען לֶערְנְט דוּרְךְ גוּט אַ זַאךְ אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ חַבֶר, וֶוען אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָדֶער מַגִיד שִׁיעוּר לֶערְנְט אִיבֶּער אַ גְמָרָא מִיט דִי תַּלְמִידִים, דַאן קוּמְט אַרוֹיס גָאר שֵׁיינֶע חִידוּשִׁים. יֶעדְן טָאג, בַּיי יֶעדְן שִׁיעוּר, קוּמְט אַרוֹיס נַייעֶ גֶעדַאנְקֶען וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקְלֶערְט דֶערְפוּן פְרִיעֶר. "אִי אֶפְשָׁר לְבֵית הַמִּדְרָשׁ שֶׁלֹּא יִהְיֶה בּוֹ דָבָר חָדָשׁ בְּכָל יוֹם" (יְרוּשַׁלְמִי, סוֹטָה, פֶּרֶק ג' הֲלָכָה ד') – עֶס קֶען נִישְׁט דוּרְכְגֵיין אַ טָאג אִין בֵית הַמִדְרָשׁ וָואס מֶען זָאל נִישְׁט גֶעוואוֹיר וֶוערְן עֶפֶּעס אַ נַייעֶר חִידוּשׁ.

און אויב פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט עֶפֶּעס, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ אִיבֶּערְפְרֶעגְן און קְלָאר מַאכְן דִי סוּגְיָא. חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב') "וְלֹא הַבַּיְישָׁן לָמֵד" – אויב שֶׁעמְט מֶען זִיךְ צוּ פְרֶעגְן, וֶועט מֶען קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען. און אֲפִילוּ אויב מֶען שֶׁעמְט זִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען כַאפְּט אַ פְּסַק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָדֶער מַגִיד שִׁיעוּר וָואס וֶוערְט בְּרוֹגֶז וֶוען מֶען פְרֶעגְט אִים אִיבֶּער אַזוֹיפִיל מָאל, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן דֶערְפוּן. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס"ג:) אַז וֶוען אַ רֶבִּי שְׁרַייט אוֹיפְ'ן תַּלְמִיד און דֶער תַּלְמִיד בְּלַייבְּט שְׁטִיל און עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט צוּרִיק, אִיז עֶר זוֹכֶה אוֹיסְצוּוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם. און דִי גְמָרָא זָאגְט אוֹיךְ דָארְט (שָׁם דַף ד.) אַז דֶער רֶבִּי פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גֶעהֵייסְן "מְפִיבֹשֶׁת" וַוייל עֶר פְלֶעגְט פַארְשֶׁעמֶען דָוִד הַמֶלֶךְ בַּיים לֶערְנֶען, און אִין דֶעם זְכוּת הָאט דָוִד

הַמֶּלֶךְ גֶעהַאט אַ קִינְד "כִּלְאָב" וָואס הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט מֶער לֶערְנֶען פוּן מְפִיבֹשֶׁת.

דָאס אִיז דֶער וֶועג פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, מֶען קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם אִין לֶערְנֶען, מֶען שְׁרַייט זִיךְ אָן, אַלֶעס נָאר צוּ אַרוֹיסְהָאבְּן אַ קְלָארְקַייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶּער נָאכְדֶעם מַאכְט מֶען שָׁלוֹם צְווִישְׁן זִיךְ. חֲזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין ל:) אַז וֶוען אַ טַאטֶע לֶערְנְט מִיט אַ קִינְד, אָדֶער אַ רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אַ תַּלְמִיד, וֶוערְן זֵיי מַמָּשׁ וִוי פַּיינְט צְווִישְׁן זִיךְ, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַסַאךְ אַרוּם, אָבֶּער זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף פוּנֶעם לֶערְנֶען אֵיידֶער זֵיי וֶוערְן צוּרִיק גוּטֶע פְרַיינְט אוּן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר כ"א) "וְאֶת וָהֵב בְּסוּפָה". נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (שְׁמוֹת רַבָּה, פַּרְשָׁה מ"א, סִימָן ח') אַז צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ תּוֹרָה דַארְף מֶען מַאכְן דִי בַּאקְן וִוי אַ שְׁטֵיין,

מֶען דַארְף אַלֶעס קֶענֶען לַיידְן און דורְכְקומֶען, און דַאן אִיז מֶען זוכֶה צו קֶענֶען גוט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו׳) ״אֵין טוֹב אֶלָּא תּוֹרָה, שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי ד׳) כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם״ – עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ וִוי צו פַארְשְׁטֵיין אַ בְּלַאט גְמָרָא, וִוי צו לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דִי תּוֹרָה אִיז דִי חָכְמָה פונֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מִיט דֶעם וָואס מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶוערְט מֶען צוגֶעקְלֶעבְּט צום אֵייבֶּערְשְׁטְן. סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס קֶען זִיךְ פַארְגְלַייכְן צו דִי גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ בָּחוּר זֶען גוט אוֹיסְצונוּצְן דֶעם פַארְמִיטָאג סֵדֶר אִין יְשִׁיבָה, עֶר זָאל פַארְגֶעסְן פונֶעם גַאנְצְן אַרום, עֶר זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן פון זִיךְ אַלֵיין, נִישְׁט זַיין פַארְנומֶען מִיט וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען און

מִיט וָואס סְ׳גֵייט זַיין, נָאר דִי גַאנְצֶע קָאפּ זָאל אִים לִיגְן אִין דִי גְמָרָא, און לֶערְנֶען פְלַייסִיג מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, און דַאן וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט אִים גוּט זַיין וַוייל עֶר וֶועט וֶוערְן אַ בַּאלִיבְּטֶער בָּחוּר בַּיי זַיינֶע רֶבִּי׳ס און חֲבֵרִים, און עֶר וֶועט וֶוערְן בַּאלִיבְּט אוֹיךְ בַּיי זִיךְ אַלֵיין, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה גֶעבְּט אַרַיין אַ חִיוּת אִין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַ סִפּוּק אִין לֶעבְּן און זִיךְ אַלֵיין לִיבּ הָאבְּן. און עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וַוייל דָאס אִיז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ נָאר אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

## ג

## נָאכְמִיטָאג סֵדֶר אִין יְשִׁיבָה

בַּיים נָאכְמִיטָאג סֵדֶר אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוענְלִיךְ אַיינְגֶעפִירְט אַז מֶען לֶערְנְט אַ סֵדֶר בִּקִיעוּת. גֶעוֶוענְלִיךְ

נֶעמְט דִי יְשִׁיבָה אַ מַסֶכֶת און אַ פֶּרֶק וָואס דָאס זָאל מֶען לֶערְנֶען אַלְס בְּקִיעוּת. דָאס לֶערְנְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי בְּעִיוּן וִוי דִי פַארְמִיטָאג שִׁיעוּר, נָאר דֶער עִיקָר אִיז צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי גְמָרָא רַשִׁ״י אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ, אָן אַרַיינְגֵיין אִין אַ גְרוֹיסֶע טִיפְקַייט.

דֶער שִׁיעוּר קֶען אַ בָּחוּר אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט אוֹיסְנוּצְן. מֶען דַארְף זִיךְ טְרֶעפְן אַ גוּטֶער חַבֶר וָואס הַאלְט בַּיים לֶערְנֶען, און לֶערְנֶען מִיט אִים דֶער שִׁיעוּר זֵייעֶר פְלַייסִיג. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס״ג:) אַז מֶען קֶען נִישְׁט קוֹנֶה זַיין תּוֹרָה נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט אַ חַבֶר, נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ״ל (דֶרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא, פֶּרֶק ד׳) ״תַּלְמִידֵי חֲכָמִים נָאִים בַּחֲבוּרָה, וְאֵין עַמֵי הָאֲרָצוֹת נָאִים בַּחֲבוּרָה״, דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען הָאט אַ גוּטֶער חַבֶר און אִינְאֵיינֶעם לֶערְנְט מֶען דִי גְמָרָא. וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וֶועט דֶער חַבֶר אַרוֹיסְהֶעלְפְן, און וָואס דֶער חַבֶר

פַאְרשְׁטֵייט נִישְׁט וֶועט עֶר אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אוּן אִיְנְאֵיינֶעם וֶועלְן זֵיי גוּט פַארְשְׁטֵיין דִי גְמָרָא, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (קֹהֶלֶת ד׳, ט׳) ״טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד, אֲשֶׁר יֵשׁ לָהֶם שָׂכָר טוֹב בַּעֲמָלָם, כִּי אִם יִפֹּלוּ, הָאֶחָד יָקִים אֶת חֲבֵרוֹ, וְאִלּוּ הָאֶחָד שֶׁיִּפֹּל וְאֵין שֵׁנִי לַהֲקִימוֹ״.

בַּיי דֶעם נָאכְמִיטָאג סֵדֶר וֶועט דִי יְשִׁיבָה גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד זַיין וָואס מֶען לֶערְנְט, זֵיי וִוילְן דֶער עִיקָר נָאר זֶען אַז דִי בָּחוּרִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען נִישְׁט דִי צַייט. אוּן דֶערִיבֶּער קֶען אַ פְלַייסִיגֶער בָּחוּר אַרַיינְכַאפְּן יֶעדְן טָאג אַ צְוֵויי דְרֵיי בְּלַאט גְמָרָא, אוּן אָנְיָאגְן נָאךְ פִיל מֶער פוּן וִויפִיל דִי סֵדֶר הַיְשִׁיבָה פַארְלַאנְגְט.

אֲפִילוּ לוֹיטְ׳ן סֵדֶר פוּן דִי יְשִׁיבָה דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַ גֶעוִויסֶער פֶּרֶק אִין דִי מַסֶכֶת, קֶען אָבֶער דֶער בָּחוּר אָנְהוֹיבְּן דִי מַסֶכֶת פוּן אָנְהוֹיבּ, אוּן גֵיין אוֹיפְ׳ן סֵדֶר בִּיזְ׳ן

עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶכֶת. און אויבּ פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט עֶפֶּעס דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צו גֵיין פְרֶעגְן פוּנֶעם מַגִיד שִׁיעוּר אָדֶער מַשְׁגִיחַ, כָאטְשׁ וָואס מֶען הַאלְט טַאקֶע נִישְׁט בַּיי דִי פֶּרֶק וָואס מֶען לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, וֶועלְן זֵיי אָבֶער זַיין זֵייעֶר צוּפְרִידְן צו זֶען וִוי דֶער בָּחוּר לֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג, און עֶס וֶועט זֵיי נִישְׁט אָנְגֵיין אַז דֶער בָּחוּר וִויל לֶערְנֶען אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע פְּרָקִים און עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶכֶת.

און אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען אֲפִילוּ עֶנְדִיגְן מֶער וִוי אֵיין מָאל דִי מַסֶכֶת בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זְמַן. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע און גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ דוּרְכְצוּלֶערְנֶען און צו קֶענֶען אַ מַסֶכֶת, וַוייל מִיט דֶעם בַּאקוּמְט מֶען דֶעם בִּילְד וִוי אַזוֹי דִי גְמָרָא קוּקְט אוֹיס, און דָאס עֶפְנְט דֶעם מֹחַ און גֶעבְּט חֵשֶׁק צו עֶנְדִיגְן נָאךְ און נָאךְ מַסֶכְתּוֹת.

וֶוען מֶען איז זוֹכֶה קוֹנֶה צוּ זַיין אַ גַאנְצֶע מַסֶכֶת אִיז דָאס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה. חַזַ"ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא צַו) אַז וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכֶת דַארְף מֶען מַאכְן אַ יוֹם טוֹב, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמ"ו, סְעִיף כ"ו) אַז וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכֶת אִיז אַ מִצְוָה צוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה, אוּן דָאס קוּמְט פוּן דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קי"ח:) אַז וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכֶת מַאכְט מֶען אַ סְעוּדָה אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ דֶערְמִיט.

מִיטְ'ן אוֹיסְנוּצְן דֶעם נָאכְמִיטָאג סֵדֶר ווִי עֶס דַארְף צוּ זֶען, קֶען אַ בָּחוּר אַרַיינְכַאפְּן גָאר אַסַאךְ, אוּן זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

## ד

## נַאכְט סֵדֶר אִין יְשִׁיבָה

די נַאכְט סֵדֶר אִין יְשִׁיבוֹת אִין נִישְׁט אֵיינִיג אִין אַלֶע יְשִׁיבוֹת. אִין טֵייל פְּלֶעצֶער חַזְרְ׳ט מֶען אִיבֶּער דֶעמָאלְט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, אוּן אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער קֶענֶען דִי בָּחוּרִים לֶערְנֶען וָואס זֵייעֶר הַארְץ בַּאגֶערְט.

וִוי אַזוֹי עֶס זָאל נָאר זַיין אִיז אָבֶּער זִיכֶער אַז דֶער עִיקָר וָואס דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּר ווִילְן אִין דֶעם סֵדֶר אִיז אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן זִיצְן אוּן לֶערְנֶען. עֶס זֶענֶען לַיידֶער דָא אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס פַארְשְׁוֶוענְדְן דִי טֵייעֶרֶע צַייט פוּן דֶעם סֵדֶר, זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרַיין אוּן אַרוֹיס אוּן לֶערְנֶען גָארְנִישְׁט. אוּן אַ בָּחוּר וָואס זִיצְט אוּן לֶערְנְט בַּיי נַאכְט סֵדֶר, וֶועט אִים קֵיינֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר לֶערְנְט נִישְׁט דִי שִׁיעוּרֵי הַיְשִׁיבָה נָאר זַיינֶע אֵייגֶענֶע

שִׁיעוּרִים. אַדְרַבָּה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אָדֶער דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר, וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ זֶען ווִי דֶער בָּחוּר לֶערְנְט פְלַייסִיג אוּן הָאט אַ חֵשֶׁק אוּן רָצוֹן זִיךְ מַשְׁלִים צוּ זַיין אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע חֲלָקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ קְלוּגֶער בָּחוּר זֶען אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֵייעֶרֶע צַייט פוּנֶעם נַאכְט סֵדֶר, וַוייל אוֹיבּ נוּצְט מֶען אוֹיס דִי נַאכְט שָׁעוֹת אוֹיף צוּ לֶערְנֶען, אִיז דֶעמָאלְט דִי עִיקָר צַייט וָואס מֶען קֶען אֱמֶת׳דִיג קוֹנֶה זַיין אַסַאךְ תּוֹרָה, אַזוֹי שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמ״ו, סְעִיף כ״ג) אַז וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי תּוֹרָה-קְרוֹין, דָאס מֵיינְט אַז עֶר זָאל קֶענֶען אֱמֶת׳דִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי נֶעכְט, אַז עֶס זָאל נִישְׁט דוּרְכְגֵיין אַ נַאכְט אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה, וַוייל דֶער עִיקָר תּוֹרָה קֶען זִיךְ אַ אִיד אַיינְקוֹיפְן בַּיינַאכְט.

אַ בָּחוּר מַאכְט זִיךְ אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען שַׁ״ס, עֶר הוֹיבְּט אָן פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, עֶר לֶערְנְט אַן עָמוּד נָאךְ אַן עָמוּד, אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, אוּן דַאן גֵייט עֶר וַוייטֶער צוּ מַסֶכֶת שַׁבָּת אוּן עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ״ס, אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן נָאכְאַמָאל.

בַּיי דֶעם סֵדֶר אִיז בֶּעסֶער אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט פַאר זִיךְ אַלֵיין אָן קַיין חַבֵר. וַוייל דֶער לִימוּד דַארְף זַיין גְרִינְג אוּן שְׁנֶעל דוּרְכְצוּגֵיין דִי גְמָרָא, אוּן דָאס אִיז גְרִינְגֶער צוּ טוּן אַלֵיין, אַזוֹי אִיז מֶען נִישְׁט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ קֵיינֶעם, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטֶערוּנְגֶען פוּן קֵיינֶעם, אוּן מֶען קֶען דַאן מֶער מַצְלִיחַ זַיין אַלֵיין אָן אַ חַבֵר. מִטַעַם דִי יְשִׁיבָה וֶועט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט בְּרוֹגֶז זַיין אוֹיף דֶעם, וַוייל וִוי לַאנְג דֶער בָּחוּר לֶערְנְט אוּן בַּטְלְ׳ט נִישְׁט

דִי צַייט אַזוֹי וִוי דִי אַנְדֶערֶע, אִיז שׁוֹין גוּט. נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶר לֶערְנְט אַלֵיין צִי מִיט אַ חַבֶר.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (שָׁם סְעִיף כ״ב) שְׁטֵייט נָאךְ זַאכְן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף לֶערְנֶען אַז מֶען זָאל טַאקֶע מַצְלִיחַ זַיין, דִי בֶּעסְטֶע אִיז וֶוען מֶען אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ מָקוֹם אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן מֶען זָאל לֶערְנֶען פַאר זִיךְ אָן קַיין רַעַשׁ אוּן פָּאמְפֶּע, אָבֶער יָא לֶערְנֶען הוֹיךְ אוֹיפְ׳ן קוֹל. דֶערִיבֶּער וֶועט אַ קְלוּגֶער בָּחוּר זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן אַ שְׁטִילֶע ווִינְקֶל אִין שׁוּל וואוּ עֶר וֶועט נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט וֶוערְן פוּן קֵיינֶעם, אוּן דָארְט וֶועט עֶר פְלַייסִיג לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, מַסֶכֶת נָאךְ מַסֶכֶת. עֶר וֶועט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע וֶועלְכֶע פַארְבְּרֶענְגֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט מִיט נַארִישְׁקַייטְן. אַלֶע גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַזוֹי גְרוֹיס נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶענוּצְט טַאקֶע דִי לוֹיזֶע צַייטְן, וֶועלְכֶע אַנְדֶערֶע

מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן נִישְׁט חָשׁוּב אוּן נוּצְן עֶס נִישְׁט אוֹיס ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אַז אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן פַּאסִירְן גֶעוֶוענְלִיךְ בַּיינַאכְט. דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת רח״ל וֶועלְן בְּעִיקָר זַיין פַּארְנוּמֶען בַּיינַאכְט מִיט זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּן נַארִישְׁקַייטְן. אוּן טַאקֶע דֶערְפַּאר הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חַזַ״ל אוּנְז אָנְגֶעוָוארְנְט אַז מִיר זָאלְן אוֹיסְנוּצְן דִי נֶעכְט אוֹיף פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מִיר זָאלְן אַריינְכַאפְּן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן אוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה יֶעדֶע נַאכְט.

דִי גְמָרָא זָאגְט (עֵרוּבִין ס״ה.) אַז דִי נַאכְט אִיז בַּאשַׁאפְּן גֶעוָוארְן נָאר אוֹיף צוּ לֶערְנֶען. נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (סַנְהֶדְרִין צ״ב.) אַז אַ הוֹיז אִין וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּיינַאכְט וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט חַ״ו. נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (תָּמִיד ל״ב:) אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה

בַּיינַאכְט רִיט דִי שְׁכִינָה נֶעבְּן אִים. נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (חֲגִיגָה י״ב:) אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיינַאכְט, לֵייגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיף אוֹיף אִים אַ חֵן בַּייטָאג. נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (מְנָחוֹת ק״י.) אַז דִי וֶועלְכֶע לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּיינַאכְט, רֶעכְנְט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִוי זֵיי וָואלְטְן גֶעטוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַלֶעם וִוי וַוייט אַ בָּחוּר קֶען מַצְלִיחַ זַיין וֶוען עֶר נוּצְט אוֹיס דִי נֶעכְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דֶעמָאלְט אִיז דִי בֶּעסְטֶע צַייט וֶוען מֶען קֶען לֶערְנֶען פְּלַייסִיג אָן קַיין שְׁטֶערוּנְגֶען. אַזוֹי וִוי דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (יַלְקוּט, מְלָכִים א׳, רֶמֶז קע״ו) אַז דִי אִידְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס אִין הִימְל וֶועלְכֶע שַׁיינֶען מֶער בַּיינַאכְט.

דֶערִיבֶּער לָאמִיר זֶען אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם נַאכְט סֵדֶר וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין מִיט אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, אוּן מֶען קֶען

זִיךְ אוֹיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין רַמְבַּ״ם, טוּר אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק צְוֵויי אִין רַמְבַּ״ם, אַ סִימָן צְוֵויי אִין טוּר אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אוּן דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים זָאלְן זַיין אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, אַ שִׁיעוּר בִּקְבִיעוּת, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען אַ בָּחוּר לַייכְטֶערְהֵייט דוּרְךְ שְׁפַּאצִירְן אִין אַלֶע טֵיילְן פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף.

## ה

### וִוי אַזוֹי שְׁטַייגְט מֶען אִין תּוֹרָה?

בִּיז אַהֶער הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי סְדָרִים אִין יְשִׁיבָה, וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט דִי סְדָרִים וָואס דִי יְשִׁיבָה הָאט אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר אַ בָּחוּר צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז וִוי לַאנְג עֶר אִיז אִין יְשִׁיבָה הָאט עֶר אַ

פְלִיכְט צוּ פָאלְגְן דִי סֵדֶר וָואס דִי יְשִׁיבָה הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר דַארְף זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן אִינְגַאנְצְן צוּ דִי סְדָרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מְסַדֵר גֶעוֶוען.

מֶען דַארְף זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד זַיין אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה. דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קי״ד) ״כָּל הַמְקַבֵּל פְּנֵי רַבּוֹ כְּאִלוּ מְקַבֵּל פְּנֵי שְׁכִינָה״, דִי חֲזַ״ל פַארְגְלַייכְן דָאס מְכַבֵּד זַיין אַ רֶבִּי׳ן אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דִי חֲזַ״ל דְרוּקְן זִיךְ אוֹיס זֵייעֶר הַארְב אוֹיף אֵיינֶעם קְרִיגְט זִיךְ מִיט זַיין רֶבִּי׳ן, אוּן זֵיי פַארְגְלַייכְן דָאס אוֹיךְ אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן חַ״ו, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (סַנְהֶדְרִין ק״י.) ״כָּל הַחוֹלֵק עַל רַבּוֹ כְּחוֹלֵק עַל הַשְּׁכִינָה, כָּל הָעוֹשֶׂה מְרִיבָה עַם רַבּוֹ כְּעוֹשֶׂה מְרִיבָה עִם הַשְּׁכִינָה, כָּל הַמְהַרְהֵר אַחַר רַבּוֹ כְּמְהַרְהֵר אַחַר הַשְּׁכִינָה״.

לַיידֶער אִיז דָאס שְׁטַארְק אַיינְגֶערִיסְן אַז בָּחוּרִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר זֵייעֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה און פַאר דִי הַנְהָלַת הַיְשִׁיבָה, מֶען אִיז זִיךְ מִתְחַצֵף קֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה חַ״ו, אָדֶער גֵייט עֶס נָאךְ וַוייטֶער אַז מֶען הֶעצְט אָן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים קֶעגְן דִי יְשִׁיבָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע פַארְבְּרֶעךְ. אַ בָּחוּר וָואס הָאט גֶעטוּן אַזַא זַאךְ מוּז גֵיין אִיבֶּערְבֶּעטְן זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט אִים זֵייעֶר נִישְׁט גוּט זַיין.

אַ יְשִׁיבָה מוּז זִיךְ פִירְן מִיט אַ סֵדֶר, און דִי בָּחוּרִים מוּזְן זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ דֶעם סֵדֶר, און נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין. אַ בָּחוּר דַארְף זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ דִי לִימוּדִים וָואס דִי יְשִׁיבָה הָאט אַיינְגֶעפִירְט, און סְפֶּעצִיעֶל בַּיי דִי פַארְמִיטָאג און נָאכְמִיטָאג סְדָרִים.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָבֶּער גֶעגֶעבְּן אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אַ וֶועג אִין לֶערְנֶען, וָואס וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז זַייעֶר מַצְלִיחַ אוּן אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁטַייגְן אִין תּוֹרָה, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף אַ בָּחוּר הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן אַרָאפּ׳גַנְבְ׳עֶנֶען אַבִּיסְל צַייט, פוּן זַיינֶע פְרַייעֶ צַייטְן, צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוֹיפְ׳ן ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד״ פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן דַאן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁטַייגְן אֱמֶת׳דִיג אִין תּוֹרָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו) אַז דֶער וֶועג מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין לֶערְנֶען אִיז אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן אִינְמִיטְן וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט. מֶען זָאל פְּרוּבִּירְן צוּצוּלֵייגְן קָאפּ צוּ וָואס מֶען לֶערְנְט, אוּן אוֹיבּ פַארְשְׁטֵייט מֶען אִיז גוּט, אוּן אוֹיבּ פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט אִיז אוֹיךְ גוּט. מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן

נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער וַוייל מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, נָאר עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען לֶערְנֶען וַוייטֶער אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט מֶען עֶס שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין.

מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט. וַוייל אוֹיבּ שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ אָפּ אוֹיף יֶעדְן שְׁטִיקְל צוּ וֶועלְן גוּט פַארְשְׁטֵיין, וֶועט מֶען וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּמִישְׁט אוּן אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען. דָאס לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה אִיז מֶער חָשׁוּב וִוי דָאס פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה י״ט.) ״לְעוֹלָם לִגְרֹס אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְמְשַׁכֵּחַ וְאַף עַל גַּב דְלָא יָדַע מַה קָאָמַר, שֶׁנֶאֱמַר (תְּהִלִים קי״ט) גָרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲוָה, גָרְסָה כְּתִיב, וְלֹא טָחֲנָה״ - אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְגֶעסְט וָואס לֶערְנְט, אוּן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט. אוּן רַשִׁ״י אִיז

דָארְט מַסְבִּיר אַז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ דִי תּוֹרָה, וֶועט עֶר עֶס אַרַיינְכַאפְּן אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן צוּקְייט, דָאס מֵיינְט אַז עֶר וֶועט לֶערְנֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט.

אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁנֶעל, קֶען מֶען עֶנְדִיגְן דִי סְפָרִים אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן דַאן וֶועט מֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז וֶוען אַ אִיד ווִיל לֶערְנֶען דַוְקָא נָאר בְּעִיּוּן צוּ קְלָאר פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ, דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען, אַזוֹי ווִי עֶס הָאט שׁוֹין פַּאסִירְט צוּ זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן ווֶעלְכֶע הָאבְּן גֶעוָואלְט אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין אוּן דָאס הָאט זֵיי אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶענוּמֶען דֶעם אַפֶּעטִיט פוּן לֶערְנֶען.

וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט אָבֶּער שְׁנֶעל אוּן לַייכְט, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, דַאן וֶועט זִיךְ דִי

תּוֹרָה הַאלְטְן בַּיי אִים. עֶר וֶועט קֶענֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים, מִדְרָשִׁים, סִפְרֵי זוֹהַר אוּן קַבָּלָה, אוּן נָאךְ אַסַאךְ סְפָרִים.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל אוֹיסְגֶערֶעכְנְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַלְץ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אַזוֹי סַאךְ אַז עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרַיינְצוּשְׁטוּפְּן אַזוֹיפִיל אִין אֵיין טָאג, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל עֶנְדִיגְן יֶעדֶעס יָאר גַאנְץ שַׁ״ס מִיטְ׳ן רִי״ף אוּן רֹא״ש, ד׳ חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע מְפוֹרְשִׁים, אַלֶע מִדְרָשִׁים, אַלֶע סִפְרֵי הַזֹּהַר וְתִיקוּנִים, אוּן אַלֶע סִפְרֵי קַבָּלָה פוּן אֲרִיזַ״ל, אוֹיסֶער וָואס מֶען דַארְף אוֹיךְ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ מֶענְטְשׁ קֶען דָאס בַּאוַוייזְן צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ יֶעדְן טָאג, אָבֶּער נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁנֶעל אוּן מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ.

אויף הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אִיבֶּער׳חַזֶר׳ן גְלַייךְ וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט; נָאר מֶען זָאל קוֹדֶם עֶנְדִיגְן דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר, און עֶרְשְׁט דַאן זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן פון אָנְפַאנְג צו חַזֶר׳ן.

דָאס אִיז דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פון רֶבִּי׳ן, און וֶוען אַ בָּחוּר נֶעמְט זִיךְ אִין דִי הַאנְט אַרַיין און עֶר פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן און עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אויף דֶעם וֶועג, קֶען עֶר אִין אַ קוּרְצֶע צַייט זוֹכֶה זַיין צו לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ תּוֹרָה, און דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען אַז עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין און שְׁטַייגְן אִין לֶערְנֶען.

כָאטְשׁ וָואס אַ בָּחוּר דַארְף טַאקֶע זִיךְ הַאלְטְן צו דִי לִימוּדִים פון זַיין יְשִׁיבָה, צו לֶערְנֶען דִי לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, אִיז אָבֶּער נָאכְאַלְץ דָא גֶענוּג אִיבְּרִיגֶע לֵיידִיגֶע צַייט וָואס אַ בָּחוּר קֶען אוֹיסְנוּצְן זִיךְ צו מַאכְן אֵייגֶענֶע שִׁיעוּרִים און לֶערְנֶען שְׁנֶעל און

גֶעשְׁמַאק אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן דַאן וֶועט עֶר זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

## ו

## דֶער וֶועג צוּ הַצְלָחָה

די בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן צְווִישְׁן די וֶוענְט פוּן יְשִׁיבָה, זֶענֶען די שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע יָארְן אִין לֶעבְּן. וֶוען אַ בָּחוּר נוּצְט אוֹיס די יְשִׁיבָה־יָארְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, לֶעבְּט עֶר מַמָּשׁ ווִי אִין גַּן עֵדֶן, עֶר שְׁפִּירְט אַ טַעַם גַּן עֵדֶן צְווִישְׁן די וֶוענְט פוּן יְשִׁיבָה. אַ בָּחוּר הָאט נִישְׁט קַיין דַאֲגוֹת אִין לֶעבְּן נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, זִיךְ אַיינְצוּקוֹיפְן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַ גוּט לֶעבְּן. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף אַ בָּחוּר הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ, אוּן זִיךְ מְסַדֵר זַיין זַיינֶע טֶעג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דַאן וֶועט עֶר הָאט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן סַיי אַלְס בָּחוּר, אוּן דָאס וֶועט

אִים אוֹיךְ הֶעלְפְן שְׁפֶּעטֶער נָאךְ זַיין חֲתוּנָה פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְן.

דֶער טָאג הוֹיבְּט זִיךְ אָן נָאךְ פוּן דִי נַאכְט פְרִיעֶר. אוֹיבּ לֵייגְט מֶען זִיךְ וִוי אַ אִיד, שְׁטֵייט מֶען אוֹיף וִוי אַ אִיד. גְלַייךְ נָאךְ דִי נַאכְט-סֵדֶר אִין יְשִׁיבָה דַארְף אַ בָּחוּר זֶען נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, נָאר גְלַייךְ גֵיין זִיךְ גְרֵייטְן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גְרֵייט מֶען זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער, וָואס דָאס אִיז דֶער סִימָן פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַז אֵיידֶער עֶר גֵייט שְׁלָאפְן גֶעדֶענְקְט עֶר אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער נֶעבְן בֶּעט, אַז עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אִינְדֶערְפְרִי אָן זִיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער.

מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה עֶרְלִיךְ מִיט כַּוָּנָה, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ד:) אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט שׁוֹין גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיי מַעֲרִיב, דַארְף מֶען

נָאכְאַמָאל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אֵיידֶער מֶען גֵייט שְׁלָאפְן. אוּן נָאךְ זָאגְט דָארְט דִי גְמָרָא (שָׁם ה.) אַז וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אִין הַאנְט אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן צוּ הַרְגְ'עֶנֶען אַלֶע מַזִיקִים. אוּן דִי גְמָרָא זָאגְט דָארְט (שָׁם) אַז וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, שֵׁיידְן זִיךְ אָפּ אַלֶע מַזִיקִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְגֶעסְן צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן זֶען צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע דַוְקָא אִינֶעוֵוייְנִיג אִין אַ סִידוּר. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט אוּן עֶר אִיז זִיךְ דַאן מִתְוַודֶה, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

נָאכְ'ן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, גֵייט מֶען שְׁלָאפְן עֶרְלִיכֶערְהֵייט, דִי בֶּעט דַארְף

זַיין שֵׁיין זוֹיבֶּער און מְסוּדָר, און מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן מִיט אַ סֵפֶר אָדֶער מִיט אַ מַעֲשֶׂה בִּיכְל פון סִפּוּרֵי צַדִיקִים. וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, און מֶען שְׁטֵייט אוֹיךְ אוֹיף מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דִי גַאנְצֶע טָאג גֵייט לוֹיט דִי עֶרְשְׁטֶע מַחְשָׁבָה וָואס מֶען טְרַאכְט אִינְדֶערְפְרִי בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין. דֶעריבֶּער דַארְף מֶען זֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז עֶס גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶערְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דַאן וֶועט מֶען שׁוֹין דִי גַאנְצֶע טָאג טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאכְ׳ן וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער טוּט מֶען זִיךְ אָן מִיט זְרִיזוּת, מֶען טוּט זִיךְ אָן מִיט רֵיינֶע זוֹיבֶּערֶע וֶועשׁ, און

מֶען לוֹיפְט אִין מִקְוֶה אַרַיין. וֶוען אַ מֶענְטְש טוֹבְל'ט זַיין גוּף אִין מִקְוֶה, טוֹבְל'ט עֶר זַיין נְשָׁמָה אוֹיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן דָאס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, עֶר רֵיינִיגְט זַיין נְשָׁמָה אוּן זַיין מֹחַ, אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ קְלָארְן קָאפּ צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען.

מֶען זָאגְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה אוּן מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען תּוֹרָה אִינְדֶערְפְרִי. אוּן דַאן דַארְף מֶען אַרָאפְּנֶעמֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם גַאנְצְן טָאג. אִינְדֶערְפְרִי אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אוּן מֶען קֶען דֶערמָאלְט פוֹעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער טָאג זָאל זַיין אַ גוּטֶער טָאג, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה אִין דֶעם טָאג, אַז מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן

עֲבֵירוֹת אִין דֶעם טָאג, אַז מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן לָשׁוֹן הָרַע, רְכִילוּת און לֵיצָנוּת, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, און אַזוֹי וַוייטֶער בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע פֶּערְזֶענְלִיכֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף צוּ הָאבְּן, און דַאן קֶען מֶען זַיין רוּאִיג אַז דֶער טָאג וֶועט שׁוֹין זַיין אַ גוּטֶער און גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג.

יֶעצְט קוּמְט דִי צַייט פוּן דַאוֶונֶען שַׁחְרִית, מֶען גֵייט מִיט זְרִיזוּת אִין שׁוּל צוּם דַאוֶונֶען, מֶען טוּט אָן תְּפִלִין, און מֶען מַאכְט זִיךְ אַ גֶדֶר אַז מֶען וֶועט גָארְנִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי תְּפִלִין, און דַאן שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ דַאוֶונֶען שַׁחְרִית אִין אַ סִידוּר. דָאס דַאוֶונֶען אִינֶעוֵוייְנִיג אִין אַ סִידוּר הֶעלְפְט זֵייעֶר אַז מֶען זָאל קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן נָאר אוֹיפְ׳ן דַאוֶונֶען און אִינְזִין הָאבְּן דִי פֵּירוּשׁ הַמִּלּוֹת, און דֶער קָאפּ זָאל נִישְׁט אַוֶועקְפְלִיעֶן צוּ

אַנְדֶערֶע זַאכְן אַזוֹי ווִי עֶס פַּאסִירְט גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען דַאוֶוענְט אוֹיסְנְוֶוייניג.

דֶער סֵדֶר פוּנֶעם דַאוֶוענֶען אִיז אַיינְגֶעפִירְט גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת אוּן כַּוָנוֹת, אוּן מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען דַוְקָא אוֹיף דֶעם סֵדֶר, נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן קַיין שְׁטִיקְלֶעךְ, אוּן נִישְׁט מַפְסִיק זַיין מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן אִינְצְוִוישְׁן. מֶען הוֹיבְּט אָן דִי רֵייעֶ פוּן דִי בְּרָכוֹת, קָרְבָּנוֹת, פְּסוּקֵי דְזִמְרָה, בִּרְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן דֶערְנָאךְ שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה מִיט גְרוֹיס כַּוָנָה. מֶען עֶנְטְפֶערְט אַלֶע אָמֵנ׳ס, בָּרְכוּ אוּן קְדוּשָׁה. גָאר גְרוֹיסֶע אוּן גוּטֶע זַאכְן, זָאגְן אוּנְז דִי חַזַ״ל, קוּמֶען פַאר דֶעם וָואס עֶנְטְפֶערְט אָמֵן.

גְלַייךְ נָאךְ דַאוֶוענֶען, נָאךְ אֵיידֶער מֶען טוּט אוֹיס דִי תְּפִלִּין, מַאכְט מֶען זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגוּם, צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אַבִּיסְל פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה אוּן לֶערְנֶען דִי רַשִׁ״י דֶערוֹיף.

אויב לָאזְט מֶען אִיבֶּער דָאס מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה אויף סוף וָואךְ, אויף פְרַייטָאג אָדֶער שַׁבָּת, דַאן אִיז גַאנְץ מֶעגְלִיךְ אַז מֶען וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען דֶערְצוּ, און מֶען וֶועט אִינְגַאנְצְן פַארְפַּאסְן דִי וָואךְ פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

מֶען דַארְף גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, וֶועט מֶען יֶענֶע וָואךְ הָאבְּן עֶפֶּעס אַ שָׁאדְן אָדֶער אַ צָרָה. דָאס אִיז אַ קְלָארֶע זַאךְ וָואס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה. קֵיינֶער זוּכְט זִיךְ נִישְׁט קַיין צָרוֹת אִין לֶעבְּן, און דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען מַקְפִּיד זַיין צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה יֶעדֶע וָואךְ. און דֶער בֶּעסְטֶער וֶועג צוּ זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז מֶען וֶועט טַאקֶע מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אִיז וֶוען מֶען טֵיילְט אֵיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַ חֵלֶק פוּן דִי פַּרְשָׁה, בִּיז וֶוען מֶען קוּמְט אָן סוף

וָואךְ און מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה. אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז עֶס פִּיל גְרִינְגֶער צוּ טוּן וִוי צוּ עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה אוֹיף אֵיינְמָאל אוּם פְרַייטָאג.

אַזוֹי וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אֹרַח חַיִּים, סִימָן רפ״ה, סָעִיף ג׳) אַז פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. און דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט דָארְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ״א פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן אַז יֶעדְן טָאג נָאכְ׳ן דַאוְוענֶען הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל פוּן דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם.

וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ נָאךְ אַלְס בָּחוּר צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיקְל פוּן דִי פַּרְשָׁה, און דִי רַשִׁ״י אוֹיף דֶעם שְׁטִיקְל, דַאן וֶועט דָאס שׁוֹין בְּלַייבְּן אִין דִי בֵּיינֶער פַארְ׳ן גַאנְצְן לֶעבְּן, אַז יֶעדְן טָאג וֶועט מֶען אַבִּיסְל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, און יֶעדֶע וָואךְ וֶועט מֶען עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה.

און אויב האָט מען נאָך אַבִּיסֶל צַייט, קען מען זיך צוגעוואוינען צו כאַפּן אַ בְּלִיק יעדן טאָג אויך אין אַ שְׁטִיקל אור החיים הקדוש, און נאָך אַ בְּלִיק אינעם רמב״ן הקדוש. די הייליגע ספרים זענען פול מִיט רוח הקודש און גלוי אלקות וואס ברענגען אַ איד נאָענט צום אייבערשטן. מען דאַרף נישט ענדיגן די גאַנצע יעדע וואָך, נאָר יעדן טאָג קוקט מען אַריין אין איין שטיקל, און מען מאַכט זיך אַ סִימָן אַז דער שטיקל האָט מען שוין געלערנט, און אַזוי ווייטער קוקט מען יעדן טאָג אין נאָך אַ שטיקל און מען צייכנט זיך אָן. און די קומענדיגע יאָר גייט מען ווייטער צו לערנען די שטיקלעך וואס מען האָט נאָכנישט געלערנט פאַריאָר, און אַזוי קען מען אין עטליכע יאָר דורכלערנען גרינגערהייט די הייליגע ספרים.

נָאכְ'ן דַאוָוענֶען גֵייט מֶען עֶסְן פְרִישְׁטָאג, און מֶען דַארְף זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אויף דֶעם זִיךְ צו וַואשְׁן יֶעדְן טָאג צו פַּת שַׁחְרִית און עֶסְן אַ גוטֶע גֶעזונְטֶע פְרִישְׁטָאג. דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא מְצִיעָא ק"ז) אַז מִיטְ'ן עֶסְן פַּת שַׁחְרִית וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פון דְרֵיי און אַכְצִיג סָארְט קְרֶענְק, און אַזוֹי וַוייטֶער רֶעכְנְט דִי גְמָרָא אוֹיס דָארְטְן נָאךְ דְרַייצְן זַאכְן וָואס פַּת שַׁחְרִית הֶעלְפְט פַאר'ן מֶענְטְש, עֶס מַאכְט אִים קְלוג, עֶס רַאטֶעוֶועט אִים פון הִיץ, פון קֶעלְט, און פון מַזִיקִים, עֶר אִיז זוֹכֶה צו לֶערְנֶען תּוֹרָה און דִי תּוֹרָה הַאלְט זִיךְ בַּיי אִים, און אַזוֹי וַוייטֶער נָאךְ פִילֶע גוטֶע זַאכְן. און דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר גֶעוָואֶרענְט זִיךְ צו וַואשְׁן יֶעדְן טָאג צו בְּרוֹיט, און עֶסְן אַ גוטֶע פְרִישְׁטָאג.

עֶס אִיז דָא אַזַא אַיינְרֶעדֶענִישׁ בַּיי בָּחוּרִים אַז מֶען דַארְף זִיךְ מְסַגֵף זַיין, מֶען דַארְף פַּייניגְן דֶעם גוף, און

דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען וֶוערְן מֶער הֵיילִיג אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אָבֶער אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, עֶס אַרְבֶּעט פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוען עֶס וֶוערְט אַ קְלֵיינֶע לָאךְ אִינֶעם גוּף, וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע לָאךְ אִין דִי נְשָׁמָה״. דָאס אִיז נָאר אַ שְׁפִּיצְל פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל אַוֶועקְנֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערִיבֶּער רֶעדְט עֶר אִים אַיין אַז מֶען דַארְף זִיךְ פַּייְנִיגְן דֶעם גוּף, אוּן אֵיינְמָאל דֶער גוּף אִיז אָפְּגֶעשְׁוַואכְט הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן פ״ד) ״תִּקּוּן הַגּוּף קוֹדֶם לְתִקּוּן הַנֶּפֶשׁ״, מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ עֶסְן גוּט אוּן צוּ דִי זֶעט אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַּארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם וָואס זָאגְט אַנְדֶערְשׁ, וִויפִּיל רְאָיוֹת

און הוֹכָחוֹת מֶען וֶועט נָאר בְּרֶענְגֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ
יָא פַּיינִיגְן דֶעם גוּף, אִיז אָבֶּער נָאכְאַלְץ דֶער פַּאקְט אַז
וֶוען דֶער גוּף אִיז שְׁוַואךְ לֶערְנְט מֶען וֵויינִיגֶער און מֶען
קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג, און מֶען וֶוערְט נָאר
דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי
הַיינְטִיגֶע שְׁוַואכֶע דוֹרוֹת, דַארְף אַ בָּחוּר זֶען צוּ זַיין
שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּ עֶסְן יֶעדְן טָאג דְרֵיי גוּטֶע סְעוּדוֹת,
און דַוְקָא דָאס וֶועט אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם
אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ, עֶר
וֶועט הָאבְּן דִי מוּט און דִי כּוֹחוֹת, צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם
אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת.

פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס עֶסְן דַארְף זַיין מִיט אַן
עֶרְלִיכְקַייט, צוּ רֶעדְן עֶרְלִיכֶע זַאכְן און דִבְרֵי תּוֹרָה בַּיים
טִישׁ, און צוּ בֶּענְטְשְׁן עֶרְלִיךְ בִּרְכַּת הַמָזוֹן אִין אַ סִידוּר.
בִּרְכַּת הַמָזוֹן אִיז אַ דְאוֹרַייתָא (בְּרָכוֹת כ״ג.) און דֶערִיבֶּער

דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארֶענְט צוּ בֶּענְטְשְׁן עֶרְלִיךְ, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן אִינֶעוֵוייניִג אִין אַ סִידוּר וָוארְט בַּיי וָוארְט, אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע עַשִׁירוּת, צוּ וֶוערְן זֵייעֶר רַייךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֲכִילָה, סִימָן ג׳) ״שֻׁלְחָנוֹ שֶׁל אָדָם מְזַכֶּה לוֹ לְעָלְמָא דְּאָתֵי וּמְזַכֶּה לְפַרְנָסָה, וְהוּא רָשׁוּם לְטוֹב לְעֵלָּא וּלְעֵלָּא, וּמְזַכֶּה לֵהּ לְאִתּוֹסְפָא לֵהּ כֹּחַ וּגְבוּרָה בְּשָׁעָה שֶׁאִצְטָרִיךְ לֵהּ״. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, חֵלֶק ב׳, סִימָן ג׳) ״עַל יְדֵי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן נִתְוַדַּע הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּעוֹלָם״, אוּן וֶוען מֶען בֶּענְטְשׁ עֶרְלִיךְ, וֶוערְט מֶען גֶעבֶּענְטְשְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

אִין דִי הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת זֶענֶען מֶענְטְשְׁן זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֶען צוּ עֶסְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן צוּ שְׁלָאפְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דַאן וֶועט דִי נְשָׁמָה אוֹיךְ זַיין וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן מֶען וֶועט

קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רוּאִיגֶערְהֵייט. חַזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פַּרְשָׁה ט׳, סִימָן ח׳) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית א׳, ל״א) ״וְהִנֵּה טוֹב מְאֹד״ אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ שְׁלָאפְן, אוּן דֶער מֶדְרָשׁ פְרֶעגְט: ״וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ שְׁלָאפְן, וֶוען מִיר הָאבְּן דַאךְ גֶעלֶערְנְט (סַנְהֶדְרִין פֶּרֶק ח׳) אַז שְׁלָאפְן אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר רְשָׁעִים?״, אוּן דֶער מֶדְרָשׁ עֶנְטְפֶערְט: ״אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט אַבִּיסְל נָארְמַאל, קֶען עֶר נָאכְדֶעם אוֹיפְשְׁטֵיין גוּט אוֹיסְגֶעשְׁלָאפְן אוּן דַאן קֶען עֶר אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. נָאךְ זָאגְן דִי חַזַ״ל (פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק י״ב) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי שְׁלָאף אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען גוּט אוֹיסְרוּעֶן אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ.

אוֹיךְ דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג שֵׁיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען אוּן רֵיין אָנְגֶעטוּן. דִי גְמָרָא זָאגְט

(שַׁבָּת נ:) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף יֶעדְן טָאג זִיךְ אַרוּמְוַואשְׁן צוּ זַיין שֵׁיין אוּן רֵיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים, פֶּרֶק ג', הֲלָכָה ג') "נְקִיּוּת מֵבִיא לִידֵי טָהֳרָה", וֶוען אַ אִיד הַאלְט רֵיין זַיין גוּף אוּן זַיינֶע קְלֵיידֶער, דַאן אִיז זַיין מֹחַ אוֹיךְ רֵיין. אַ תַּלְמִיד חָכָם דַארְף זִיךְ הַאלְטְן רֵיין, זַיינֶע קְלֵיידֶער דַארְפְן זַיין רֵיין, אוּן עֶר דַארְף הָאבְּן אַ רֵיינֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

טֵייעֶרֶער בָּחוּר, אוֹיבּ וֶועסְטוּ גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין דַיין הַארְץ דִי עֵצוֹת אוּן דִי לִמּוּדִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין דֶעם קוּנְטְרֵס, אוּן דוּ וֶועסְט זֵיי פְּרוּבִּירְן מְקַיֵים צוּ זַיין, דַאן וֶועסְטוּ זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיין לֶעבְּן. סֵיי אַלְס בָּחוּר וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין יְשִׁיבָה אוּן דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ גוּטֶער נָאמֶען, אוּן דָאס וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן אוֹיךְ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, אוֹיף

דַיין גַאנְץ לֶעבְּן. דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע אוּן גוּטֶע לֶעבְּן, אוּן קֵיינֶער וֶועט דִיר נִישְׁט קֶענֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס טוּן, וַוייל דוּ וֶועסְט זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט שְׁטֶענְדִיג אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶועט דִיר אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן דִי זִיסְקַייט אוּן דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס וֶועט דִיר אַלֶעמָאל זַיין גוּט, סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם